# יום המר והנמהר ה' אייר

ת״ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר - בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א - פק״ק קרית יואל

דעם קומענדיגן מאנטאג פרשת בהר ווערט 63 יאר זינט עס איז לײדער בעוה״ר געגרינדעט געווארן די ציוני'סטישע מדינה, וואס די ציונים האבן דאס א נאמען געגעבן **"מדינת ישראל"**, וואס דאס האט פארשוועכט דעם אייבערשטנ'ס נאמען אויף א שרעקליכן אופן, עס האט גורם געווען שנאת ישראל ביי אלע גוים, עס האט גורם געווען אומצאליגע שפיכת דמים פון אידישע קינדער, אפגעפירט טויזנטער אידן צו שמד, אויסגעפייניגט טויזנטער אידן שומרי תורה ומצוות, ועל כולם איז דאס א כפירה ומרידה במלכות שמים, און טוט ביזן היינטיגן טאג אפהאלטן די גאולה שלימה.

דער טאג ה' אייר איז א גרויסע עת צרה. עס איז א צייט וואס יעדער ערליכער איד וואס האט א ליבשאפט צו השי״ת וויינט און קלאגט אויף דעם חורבן וואס די ציונים האבן געברענגט אויף די וועלט, ווי **כ״ק רבינו הקדוש בעל דברי יואל זצוק״ל** - וועלכער האט געראטעוועט דעם דור נישט אריינגעכאפט צו ווערן צו דעם רעיון הציוני - האט געזאגט אז **"ס'איז נישט קיין ספק אז ווען די תנאים ואמוראים וואלטן היינט געלעבט העטן זיי גוזר געווען א יום "תענית ציבור" ווי אנדערע תעניתים"**.

במשך די לעצטע יארן האבן מיר נאכאנאנד געהאט די זכי' צו הערן די הייליגע ווערטער פון **כ״ק מרן רבינו הגה״ק בעל ברך משה זצוק״ל**, וועלכער האט שטענדיג מתאונן געווען איבער די קליפה הנוראה וואס די טומאת הציונית האט אראפגעברענגט אויף די וועלט. און ער האט שטענדיג גערופן צו א פולשטענדיגע התבדלות פון די ציונים ואביזריהו.

עס זענען דא ערליכע אידן וואס פאסטן אין דעם טאג און זאגן תהלים אז דער חרון אף זאל ח״ו נישט שאטן פאר קיין איד (דער רבי בעל דבר״י זי״ע האט געהייסן אז אין דעם טאג זאל מען זאגן תחנון אפילו פרייטאג אדער ווען עס איז דא א ברית, צוליב די גרויסע יום צרה).

דעריבער איז דער פליכט פאר אונז - תלמידים פונעם רבי'נס הייליגע מוסדות - אין דעם טאג, צו לערנען און חזר'ן אז מיר זאלן קלאר וויסן די הייליגע שיטה, וואס איז "ציונות"? וואס איז דער חורבן וואס ציונות האט געברענגט אויף די וועלט? וואס האבן די ציונים געטוהן פאר אידישע קינדער? און וואס איז דער חורבן מיט די ציוני'סטישע מדינה?

## שלש שבועות

### וואס איז געשעהן ה' אייר?

**אין דעם ביטערן טאג האבן די ציונים באקומען דאס בעלות איבערן שטח פון ארצינו הקדושה, נאכן פירן ביטערע מלחמות קעגן די ענגלענדער און אראבער, און זיי האבן דאס א נאמען געגעבן "מדינת ישראל".**

**די רשעים האבן מיט דעם שריט עובר געווען אויף די "שלש שבועות" ווי חז״ל זאגן אונז אין מס' כתובות** (דף קי״א ע״א) **ג' שבועות השביע הקב״ה את ישראל - דריי שבועות האט הקב״ה באשווארן אידישע קינדער.**

**שלא יעלו ישראל בחומה - מען טאר נישט ארויפגיין קיין ארץ ישראל פארן זמן פון די גאולה.**

**שלא ימרדו באומות העולם - מען טאר נישט ווידערשפעניגן קעגן די גוים פאר ביאת המשיח.**

**שלא ידחקו את הקץ - אז מען טאר נישט טון פעולות צו ברענגען די גאולה פאר די צייט.**

**די שבועה האט השי״ת באגלייט מיט א שארפע אזהרה, אם אתם מקיימין את השבועה מוטב, ואם לאו אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה, אויב וועט מען מקיים זיין די שבועה וועט זיין גוט, אויב נישט וועט השי״ת מפקיר זיין כלל ישראל אזוי ווי די הערשן און אינדן פון פעלד (ר״ל).**

**אויסער דעם רוחניות'דיגן חורבן וואס די ציונים האבן געברענגט אויף כלל ישראל ווען זיי האבן במשך די יארן אויסגע'שמד'עט טויזענטער אידישע קינדער ר"ל, און אויסגעפייניגט יעדן ערליכן איד וואס וויל היטן תורה ומצוות, זעהט מען היינט בחוש ווי דורך זייער "התגרות באומות" איז אידיש בלוט הפקר אין ארץ ישראל, און יעדן טאג הערט מען שרעקליכע בשורות, וואס שטעלט מיט זיך פאר די שוידערליכע אזהרה פון "אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה".**

## די ציונים זענען שולדיג אין די צווייטע וועלט מלחמה!

### "כי רק בדם תהי' לנו ארץ!"

אין יאר תרצ"ט לפ"ק - ווען הערצל ימ"ש האט שוין לאנג געהאט גע'פגר'ט און זיינע תלמידים און געטרייע נאכפאלגער האבן שווער געארבעט - און ליידער אויך די אגודה און מזרחי זענען געווען איינשטימיג דערמיט - צו באקומען די מדינה - האט ליידער אויסגעבראכן די צווייטע וועלט מלחמה אין אייראפע וואס האט די מערסטע באטראפן די אייראפע'אישע אידן, ווען היטלער ימ"ש איז געווען אין א בחינה ווי המן הרשע "בקש להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים", האבן די ציונים דאס גוט אויסגענוצט.

די ציונים האבן באשלאסן אז אויב וועט פאר היטלער'ן געלונגען אויסצוהרג'ענען טויזענטער אידן אין אייראפע, וועלן זיי גרינגער קענען באקומען א מדינה, ווייל זיי האבן פארשטאנען אז דורכדעם וואס אידישע קינדער וועלן ליידן צרות און הריגות אין חוץ לארץ, נאר אזוי וועלן זיי פארשטיין און שפירן דאס וויכטיגקייט פון ארויפגיין קיין ארץ ישראל, און דאן וועלן אלע אידן קומען קיין ארץ ישראל.

נאכמער האבן זיי געזאגט אז דאס וואס די אידן וועלן גע'הרג'עט ווערן אין די מיליאנען, ווי היטלער ימ"ש האט געוואלט, דאס וועט גאר זיין א טובה פארן רעיון הציוני, ווייל דאס וועט מאכן אז די

אין די קומענדיגע שורות וועלן מיר בע"ה איבערגיין די השתלשלות הענינים, ווער עס האט ערפינדן ציונות, און וואס עס איז דער פראבלעם מיט די ציונים, ווי אויך אביסעלע שילדערן וויפיל שאדן דאס ציונות האט אנגעמאכט פאר כלל ישראל במשך די יארן זייט זי איז אויפגעקומען, און פארוואס מיר דארפן שטיין ווייט פון יעדע זאך וואס האט שייכות מיט ציונות, אדער פון יעדע זאך וואס האט שייכות מיט אזעלכע וואס האבן שייכות מיט די ציונים, ובשם ה' נעלה ונצליח.

## דער מייסד הציונית און זיין ציהל

דער גרינדער און דער אויסטרעפער פון "ציוניזם" איז געווען א פארשוין מיט א אידישן אפשטאם בנימין זאב הערצל שר"י ער איז געווען א גרויסער אפיקורס און כופר בעיקר, זיינע קינדער האט ער בכלל נישט ערצויגן אויפן אידישן וועג. דער רשע האט גע'טענה'ט אז די סיבה פארוואס די גוים האבן א שנאה צו אידישע קינדער איז צוליב דעם וואס זיי האלטן תורה ומצוות, זיי האלטן אן אלע פארצייטישע מנהגים וואס איז גורם א געוואלדיגע אנטיסעמיטיזם. ער שרייבט דאס קלאר אין זיינע ביכער "הונדערטער יארן ליידן מיר שוין פון די אידישע פאנטאזיע" מיינענדיג די תורה הקדושה (עפרא לפומיהו).

דעריבער האט ער באשלאסן אז די בעסטע עצה וואלט געווען אויסצושמד'ן גאנץ כלל ישראל, אריבערפירן דאס אידישע פאלק צום נוצריש'ן גלויבן (אינעם אותו האיש), און דערמיט זאלן אוועקפאלן די שנאת ישראל ביי די אומות העולם. ער איז שוין געגאנגען אזוי ווייט אז ער האט שוין געהאט אויספלאנירט מיט די נוצרישע גלחים פון וויען, וויאזוי צו שמד'ן אלע אידישע קינדער אין זייער תיפלה וואס רופט זיך "שטעפאן קירכע".

במשך פון די יארן האט ער געארבעט אויף אלע פראנטן צו פארווירקליכן זיין פלאן, עס האט אבער נישט לאנג גענומען ביז ווען הערצל ימ"ש האט איינגעזעהן אז דאס וועט נישט גיין אזוי שנעל און די אידן וועט ער נישט קענען אויסשמד'ן אזוי גרינג, האט ער אנגעהויבן צו טראכטן אנדערע עצות ווי אזוי צו מאכן א ענדע פון כלל ישראל (ר"ל).

דער איינציגסטער וואס האט יא געטוהן דאס ווילן פון הערצל ימ"ש איז געווען זיין זון, מיט יארן שפעטער אינעם יארצייט טאג פון זיין טאטן, האט ער זיך אפעציעל גע'שמד'ט, כדי צו ערפילן דעם טאטנ'ס וואונטש און אים טאן א נחת רוח.

## דער פלאן פון א מדינה

אין יאר תרנ"ו לפ"ק, ווען דער רשע האט געזעהן אז זיין פלאן ווערט נישט פארווירקליכט האט ער פארענדערט זיין גאנג, ער האט ערפינדן א נייעם וועג ווי אזוי ער וועט מכלומר'שט אוועקנעמען דאס אנטיסעמיטיזם, א נייע המצאה ווי אזוי צו שטארקן דעם כח פון אידן קעגן די גוים.

זיין פלאן איז געווען אז מען זאל צוזאמנעמען אלע אידן און מען זאל ארויסגיין פון גלות מיט די אייגענע האנט, און זיך גרינדן אן אייגן לאנד, מיט אייגענע געווער מיט פאראייניגטע כוחות וועט מען זיך קענען שטארקן צו

רעוואלטירן קעגן די גוי'אישע פעלקער, און מען וועט ארויסוויזן פאר די וועלט אז די אידן זענען נישט קיין נעבעכדיגע פאלק, נאר א פאלק אזוי ווי אלע פעלקער מיט אן אייגן לאנד און מיט אייגענע מיליטערישע כוחות, אזוי וועלן די פעלקער מורא האבן פון אידן.

דער רשע האט פארשפרייט זיין שיטה, אז א פאלק הייסט נאר ווער עס האט א "לאנד" "מיליטער" "שפראך" מיט דעם וואס אידן האבן נישט די זאכן זיי האבן 'נאר' א תורה מיט מצוות, זענען זיי גארנישט ווערד, אין זיינע ארטיקלען האט ער געשריבן די מיאוס'טע ווערטער קעגן אידן, אז ער פארשטייט די גוים וואס האבן גע'הרג'עט אידן, ווייל אזוי ווי כלל ישראל זעהט יעצט אויס, אן קיין אייגן לאנד, זענען זיי נישט ווערד צו לעבן אויף די וועלט, און מען דארף זיי הרג'ענען (עפ"ל).

## די מערבה צווישן די ערליבע אידן מיט די ציונים, מזרחי, אגודה

לאמיר זעהן וואס עס הײנט ווייטער פאסירט און ווי אזוי די קליפה הציונית האט זיך בעוה"ר פארשפרייט אויך ביי ערליכע אידן ר"ל.

דער רשע הערצל שר"י האט אריינגעלייגט שווערע כוחות אריינצוברענגען זיינע ציוני'סטישע השקפות צווישן כלל ישראל, אבער די ערליכע אידן ובראשם די צדיקים וגדולי הדור, האבן - זה לעומת זה - אריינגעלייגט שווערע כוחות און געעפענט א פייערדיגע מלחמה קעגן דעם רעיון הציוני.

די ציונים האבן אין יענע יארן געמאכט א ריזיגע פראפעגאנדע צו כאפן די הערצער פון אידישע קינדער צו זייער רעיון, זיי זענען ארומגעגאנגען האלטן דרשות אויפצוקלערן זייער פארקרומטע שיטה, זיי האבן פארשפרייט ריזיגע פלאקאטן מיטן אויפשריפט **"דער צוויי טויזענט יאריגער גלות מאנט פון אונז! אם אין אני לי מי לי"** דאס הייסט אז דער גלות פארלאנגט פון אונז אז מיר זאלן זיך אליין באפרייען דערפון.

אין יענע יארן זענען דורך די העצערייען פון די ציונים טויזענטער אידן ארויפגעגאנגען קיין אר"י, און זיך דארט באזעצט מיטן ציל אז מען זאל דארט קויפן שטחים ערד, און זיך דארט באזעצן, ביז ווען עס וועלן זיין אין ארץ ישראל גענוג אידן אז מען זאל קענען איבערנעמען די מלוכה.

ווען הערצל האט געזעהן אז נאר די פרייע אידן און פושעי ישראל שטעלן זיך צו צי אים, האט ער פארשטאנען אז אויב ער וועט נישט האבן קיין ערליכע רבנים וואס וועלן זיך צושטעלן צו אים, דעמאלטס קענען זיינע פלענער צופאלן, איז ער אריבערגעפארן צו עטליכע רבנים, וואס זענען געווען באקאנט אלס גדולים בתורה אבער זיי האבן געהאט פארקרומטע השקפות, און ער האט מיט זיי אויסגעארבעט אז זיי אליין זאלן צורעדן ערליכע אידן ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, איינרעדענדיג די ערליכע אידן אז דאס איז גאר א מצוה, ווייל אויב די פרומע אידן וועלן אויך ארויפקומען קיין ארץ ישראל וועלן זיי קענען זעהן אז די מדינה זאל זיך פירן על פי תורה, און אויב נישט וועט דאס זיין א מדינה כנגד התורה.

פעלקער וועלן רחמנות האבן אויף די אידן, און דאס וועט צוברענגען אז די פעלקער וועלן דריקן אויף ענגלאנד אז זיי זאלן איבערגעבן פאר די אידן ארץ ישראל אז זיי זאלן קענען האבן א מדינה.

עס איז נישט דאס ארט אריינצוגיין באריכות אין די שרעקליכע פעולות וואס די ציונים האבן געטוהן אויפצורייצן היטלער אז ער זאל וועלן אויס'הרג'ענען די אידן, ווען חיים ווייצמאן ימ"ש האט קאלטבלוטיגערהייט אויסגערופן א באיאקאט קעגן דייטשלאנד, טראצדעם וואס מען האט אים געווארנט אז דאס וועט אויפרייצן היטלער'ן און ער וועט זיך ביטערליך נוקם זיין, האט ער דאס געטון, און דאן איז היטלער צעווילדעוועט געווארן און ער האט געשוואוירן א פייערדיגע נקמה אין כלל ישראל, ער האט געשריגן "איך וועל זיי אויסקוילן ווי די אינדן אויפן פעלד" - ווי דער לשון הגמרא "השבעתי אתכם בנות ירושלם אם תעירו וגו' הנני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה - און דאס האט גורם געווען אז די ערשטע ריזן טראנספארטן קיין אוישוויץ האבן זיך אנגעהויבן ה"י.

מיר וועלן נאר איבערדרוקן די עדות פון דעם גרויסן מושיען של ישראל, וואס האט מיט מסי"נ מציל געווען טויזענטער אידן אין די מלחמה יארן **הגה"צ רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל** דערציילט.

אין זיין ספר **מן המצר** (עמוד פ"ו-צ"ח) שילדערט **רבי מיכאל בער** א בריוו וואס ער האט געזעהן מיט זיינע אייגענע אויגן אינעם אפים פונעם ציוני'סטישן אגענט וואס האט גע'שתדל'ט בעניני הצלה פון די אייראפעאישע אידן, וואס די ציונים פון ארץ ישראל האבן געשיקט צו די ציוניסטן אין סלאוואקיי אלס ענטפער ווען זיי האבן געבעטן געלט צו ראטעווען די אידן, בזה"ל:

**"וויבאלד עס איז דא א שליח, שרייב איך וואס די חברה זאלן שטענדיג געדענקען אז די וויכטיגסטע זאך וואס מיר ברויכן האלטן פאר די אויגן איז אז וויבאלד נאך די מלחמה וועט מען ווידער צוטיילן די וועלט צווישן אלע פעלקער אזוי ווי עס איז געווען נאך די ערשטע וועלט מלחמה ווען מען האט פאר אונז געעפענט דעם וועג צום ערשטן טריט** (די באלפור דעקלעראציע, וואס דאס האט געגעבן פאר די ציונים די ערשטע אפעציעלע לעגאלן כח אין ארץ ישראל), **און יעצט ביים ענדע פון די מלחמה, ברויכן מיר טוהן אלעס אז ארץ ישראל זאל**

**ווערן "מדינת ישראל", און עס זענען שוין געטוהן געווארן ערענסטע שריט אין דעם ענין.**

**"און בנוגע דעם ווי געשריי וואס קומט, ברויכן מיר צו קענטענים נעמען אז אלע פעלקער פארגיסן בלוט אין די מלחמה, און אויב מיר וועלן נישט ברענגען קיין קרבנות אין די מלחמה מיט וואס וועלן מיר איינקויפן דאס רעכט צו צוטרעטן צום טיש ווען מען וועט צוטיילן די לענדער פאר די אנדערע פעלקער נאך די מלחמה, דאס וועט זיין א שטות און א חוצפה פון אונזער זייט צו פארלאנגען פון די גוים וואס לאזן פארגיסן זייער בלוט אז זיי זאלן געבן רשות צו ברענגען זייער געלט צום לאנד פון זייער שונא כדי צו שיצן אויף אונזער בלוט "כי רק בדם תהי' לנו ארץ" "נאר מיט אונזער בלוט וועלן מיר קריגן אן איינן לאנד", דאס איז וואס איז נוגע צום כלל... אבער בנוגע ענק פריוואט מאכטס פליטה און דערפאר שיק איך אייך געלט אומלעגאל דורך דעם שליח".**

אט דעם פארשאלטענעם בריוו האט **רבי מיכאל בער זצ"ל** געהאלטן אין זיין האנט, בלוט האט געטראפט פון זיין ריין הארץ צו זען די הארצלאזיגקייט פון די ציוניסטישע פארברעכער וועלכע זענען בשאט נפש מפקיר דאס בלוט פון זייערע אומשולדיגע ברודער כדי זיי זאלן קענען ערגייכן זייער געמיינעם ציל פון האבן א אייגענע מדינה, מיט דעם שריט חתמ'ענען זיי אבער אפ נאר דעם גורל פון די ערליכע אידן, זיי ברויכן מפקיר זיין זייער בלוט פאר די מדינה, ווידער פאר זייערע חברה די ציונים האבן זיי יא געפונען פאר וויכטיג צו שיקן אומלעגאל געלט אז זיי זאלן זיך ראטעווען.

עס רייסט ביים הארץ צו לייענען ווי אזוי דער **צדיק וקדוש רבי מיכאל בער** וויינט און בלוטיגט איבער דעם ביטערן בראך פון די מדינה הטמאה וואס זי איז געווען די גורם פון דעם פארלוסט פון טויזענטער טייערע אידישע נשמות.

ער שרייבט דארט ווייטער מיט בלוט און טרערן "ווי זאל אונז בייפאלן אז דער ציונייסט זאל אונז קומען און זאגן יא, עס איז אמת אז היינט איז א שווערער זמן, אבער נישט איר דארט אין גלות ביים פארניכטונג זענט דער שווערער טייל, נישט אייערע טרערן, נישט אייער בלוט, עס איז דא א פיל שווערער טייל פון דעם וואס דאס איז "בנין הארץ", אוודאי עס איז דא א קל מיט א חומר אבער אייער בלוט איז דער גרינגערער טייל פון דעם קל וחומר. פארגיסט

די רבנים האבן זיך צוגעכאפט דערצו, און האבן געגרינדעט א פארטיי מיטן נאמען "מזרחי", וואס האט פראפעגאנדירט די זעלבע זאכן ווי די ציונים, אבער אלעס איז געווען ארומגעהילט מיט א איצטלא דרבנן, מיט א הייליגן לבוש, אז מען דארף ארויפגיין קיין אר"י כדי די מדינה וואס די ציונים וועלן איינעמען זאל זיין עפ"י תורה.

די 'מזרחי' האט ליידער אנגעמאכט שרעקליכע חורבנות ביי כלל ישראל, און טויזענטער יונגע בחורים און מיידלעך זענען ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל, וואו זיי האבן פורק געווען פון זיך דעם עול התורה והמצוות.

די אידיאלאגיע פון די "מזרחי" איז אויך כפירה ומינות צוליב די זעלבע טעמים ווי אויבנדערמאנט, טראץ די חילוקי דעות זייערע מיט די ציונים טוישט דאס גארנישט זייער אפענע כפירה, ווייל ווי מיר האבן ערקלערט מעג מען זיין דער גרעסטער שומר תורה ומצוות, אויב האלט מען פונעם רעיון הציוני איז מען א רעכטער כופר באלקי ישראל.

במשך די יארן איז אויפגעקומען די "**אגודת ישראל**" פארטיי, וואס איז לכתחילה געגרינדעט געווארן צו קעמפפן קעגן מזרחי, און זיי האבן אויפגעשטעלט זייער פארטיי מיט מערערע גדולי ישראל פון פארשידענע מדינות, אבער די אמת'ע ערליכע צדיקים, די מנהיגי ישראל וואס האבן געהאט א ווייטער בליק, האבן געשריגן אז די 'אגודה' וועט אויך פארפארן ווייל זיי האבן זיך נישט געפירט אויף די ריכטיגע אויסגעהאלטענע וועגן.

אזוי איז געשעהן אז טויזענטער אידן זענען אנגעקומען קיין אר"י, און זיך אנגעהויבן צו רייצן מיט די אראבער וואס האבן דארט געוואוינט, און האבן זיך ביז היינט פיין פארטראגן מיט די אידן, מען האט זיי געטשעפעט און געפייניגט, ביז ווען זיי האבן אנגעהויבן צוריק צו שלאגן און הרג'ענען וואס האט נעבעך געקאסט אסאך אידיש בלוט.

## די ציונים שלאגן זיך פאר די מדינה

נאך די מלחמה האבן די ציונים טאקע געטוהן אזוי ווי זיי האבן זיך אויסגערעכענט, זיי האבן אנגעהויבן צו פארלאנגען ביי די יו. ען. אז זיי דארפן עפעס טוהן איבערצובעטן דעם אידישן פאלק, צו באווארענען אז עס זאל זיך נישט נאכאמאל איבערחזר'ן אזא זאך וואס האט פאסירט, וואס די דייטשן האבן געטוהן פארן אידישן פאלק.

עס איז נישטא קיין ווערטער מיט וואס צו שילדערן דעם שרעקליכן פארברעכן, און די גרעניצלאזע חוצפה, וואס די ציונים האבן דא געטוהן אן קיין טראפן בושה, זיי, די וואס האבן בלי ספק געהאט א גרויסן טייל אין דעם וואס דער בלוט פון אונזערע זיידעס און באבעס זענען פארגאסן געווארן, די וואס האבן גורם געווען אז זייער בלוט זאל פארגאסן ווערן ווי וואסער, די זענען נאכדעם געגאנגען און געבעטן אז מען זאל זיי - די רוצחים - באלוינען מיט א מדינה, אז דאס זאל נישט נאכאמאל פאסירן...

**זיי וועלכע האבן מפקיר געווען די בלוט פון אייגענע ברודער! אליין גורם געווען אז זיי זאלן גע'הרג'עט ווערן, און בשום אופן נישט געוואלט געבן א פרוטה זיי צו ראטעווען, ווער קען זיי געטרויען אז זיי וועלן פון היינט אן אכטונג געבן אויף אידיש בלוט?! אידיש בלוט איז דאך ביי זיי הפקר! קען מען פארלאנגען אז דעם רוצח זאל מען שטעלן אלס שומר קעגן רוצחים?!**

צום באמערקן: ארץ ישראל איז אין יענע יארן געווען אונטערן בעלות פון ענגלאנד וואס זיי האבן געהאט דעם מאנדאט אויף ארץ ישראל, די אידן האבן דארט אלע יארן געלעבט במנוחה בשלום ושלוה, די ענגלישע רעגירונג האט זיי נישט געשטערט פון שמירת התורה והמצוות, און מיט די אראבישע שכנים האבן זיי געלעבט ווי גוטע ברודער. איצט האבן די ציונים פארלאנגט אז היות ארץ ישראל איז ארגינעל דער אייגענטוהם פון די אידן ממילא זאל די יו. ען. באשטעטיגן אז ענגלאנד מוז פארלאזן די פאלעסטינער טעטאריע און דאס איבערגעבן פאר די ציונים.

דער וועג ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען דאס איבערנעמען דאס לאנד איז געווען מיט א שרעקליכן טעראר וואס די ציונים האבן אויסגעאיבט קעגן די אראבער און ענגלענדער זיי צו דריקן אז זיי זאלן נאכגעבן, זיי האבן ברוטאליש דערטרונקען א שיף וואס איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, זיי האבן נישט רחמנות געהאט אויף די הונדערטער אידן וואס זענען אנטלאפן פון דייטשלאנד קוים מיטן לעבן, און זיי זענען ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל, וואס זענען דורך די ציונים גע'הרג'עט געווארן ווען זיי זענען אנגעקומען צום בארטן פון ארצינו הקדושה. די ציונים האבן אונטערגעשטעלט אז די שיף זאל איינזונקען כדי צו קענעןווארפן דעם שולד אויף די ענגלענדער, און ווייזן פאר די וועלט אז די ענגלענדער רודפ'ן אידן. אויסערדעם האבן זיי אונטערגעשטעלט באמבעס און אויפרייס מאטריאל א צייט פון עטליכע יאר, ווילאנג די יו. ען. האט פרובירט צו פארהאנדלען מיט די ענגלענדער.

## ה׳ אייר תש״ח

לײדער איז געווען מעשי שטן הצליח נאכדעם וואס די ציונים האבן אינאיינעם מיט די פארשטייער פון "מזרחי" און "**אגודת ישראל**" פארלאנגט א מדינה, און די יו. ען. האט געזעהן אז אלע אידן - אריינגערעכענט שומרי תורה ומצוות פארלאנגען א מדינה, האבן זיי מסכים געווען צו געבן די מדינה פאר די ציונים, און אין דעם ביטערן טאג, ה׳ אייר תש״ח האבן די רשעים די פורקי עול תורה ומצות! די כופרים וואס גלייבן נישט אין באשעפער און אין ביאת המשיח! די רוצחים וואס האבן קאלטבלוטיג ערמארדעט טויזענטער אידן פאר זייער נידריגן ציל! די רודפי דת וואס פייניגן ערליכע אידן איבער די וועלט! זיי האבן באקומען די מדינה, און ביי די רשעים ליגט אין זייערע הענט דער גורל פון טויזענטער אידן שוין אזויפיל יארן, און נאכאמאל זענען הונדערטער אידן ווי הפקר אין זייערע הענט און זענען אויסגעשטעלט צו די גרויזאמע צרות פון די ציונים.

אין יענעם פינסטערן טאג ה׳ **אייר תש״ח** האבן זיי צוזאם געשטעלט א "**מגילת העצמאות**" וואס דארט שטייט די פרינציפן פון די מדינה, זיי שרייבן

אייער בלוט מיט פרייד ווייל דאס איז דער גרינגערע טייל און מיט דעם וועלן מיר איינקויפן די שווערע טייל, כי בו תהיה הארץ לנו״.

איז דא א קל מיט א חומר אבער אייער בלוט איז דער גרינגערער טייל פון דעם קל וחומר, פארגיסט אייער בלוט מיט פרייד ווייל דאס איז דער גרינגערע טייל און מיט דעם וועלן מיר איינקויפן די שווערע טייל, כי בו תהיה הארץ לנו״.

אין יענע טעג האט דער ״יושב ראש וועד עזרה והצלה״ יצחק גרינבוים שר״י אויף וועמען עס איז געלעגן דער פליכט פון די רעטונג פון די אייראפעאישע אידן, געהאלטן א געמיינע רעדע ווי ער האט געזאגט צווישן אנדערע ״אויף צו ראטעווען דעם גלות דארפן מיר אוועקגעבן נאר די איבערגעבליבענע כוחות און די רעשט אנשטרענגונגען וועלכע זאמלען זיך אן אין אונז, ווען מען שלאגט מיר פאר צוויי מעגליכקייטן, איינס צו ראטעווען מאסן אידן פון אייראפע אדער אויסלייזן דאס לאנד וועל איך אן קיין סעקונדע צווייפלען אויסקלויבן די צווייטע מעגליכקייט״. ״דאס פיל רעדן וועגן די שחיטות ברענגט אז מען זאל נאכלאזן דאס פארשטארקן די ציוני׳סטישע כוחות אין לאנד״ (עפרא לפומיהו).

דאס איז א קליינער טייל פון די באווייזן אז די רשעים זענען שולדיג אינעם פארגאסענעם בלוט פון אונזערע עלטערן אין די מלחמה יארן.

◈

## מילי דרמיזא

## מברך את ה׳

**עס איז דאס ארט צו ברענגען עטליכע ענינים ווי דער טאג איז מרומז אין די תורה.**

**עס איז אמאל געקומען צום רבי׳ן בעל דברי יואל זי״ע א חסיד׳ישער איד וואס איז געווען פארכאפט אין ציונות, דאס הייסט אז ער האט געהאלטן אז עס וואלט געווען א גוטע זאך אז די מדינה פירט זיך ווען על פי תורה, און אז דאס וואס די ציונים האבן איינגענומען די מדינה איז א סימן אז מען האלט שוין פאר די גאולה, און נאך אזעלכע אפיקורס׳ישע געדאנקען מיט וואס אסאך אידן אין ארץ ישראל דרייען זיך נעבעך ארום.**

**דער רבי האט מיט דעם איד גערעדט איבער דעם ענין, און ער האט אים אויפגעקלערט ווי ווייט עס איז א איסור גמור צו האבן אזעלכע מיינונגען וואס איז רעכט מינות וכפירה, און א איד וואס גלייבט אין השי"ת דארף צו וויסן אז יעדע זאך וואס האט נאר שייכות מיט ציונות אדער די ציונים איז א ביטערער אומגליק פאר כלל ישראל, און דאס איז דער גורם אז משיח צדקינו איז נאך אלס נישט געקומען.**

**בתוך הדברים האט דער רבי אים גיזאגט איבער דעם אויסגעטראכטן "יום טוב" פון די ציונים, ה' אייר, וואס די ציונים האבן באשטימט אלס א יום טוב ר"ל, און זיי רופן דאס "חג העצמאות" דאס מיינט "דער יום טוב פון זעלבסטשטענדיגקייט" און זיי פרייען זיך אין דעם טאג מיט גרויסע פאראדעס. און די פרומע ציונים זאגן גאר הלל ביים דאווענען, דער רבי האט מיט ווייטאג געשריגן "עס איז נישטא קיין גרעסערע כפירה און ניאוץ פאר השי"ת ווי דאס אז די ציונים זאגן הלל".**

**האט דער רבי דעמאלטס געזאגט פאר דעם איד בדרך צחות "כ'האב געטראפן ווי עס שטייט אויסגערעכענט אין די תורה דער חג העצמאות מיט די אנדערע ימים טובים". דער איד האט אנגעקוקט דעם רבי'ן מיט וואונדער נישט פארשטייענדיג וואס דער רבי מיינט צו זאגן מיט זיינע ווערטער. האט אים דער רבי געזאגט:**

**"אין פרשת אמור רעכענט די תורה אויס אלע מועדים, אנגעהויבן פון פסח, שבועות, ראש השנה, יו"כ, סוכות, נאכדעם קומט די פרשה פון די מנורה וואס די ספרים שרייבן אז דאס איז מרומז אויף חנוכה, גלייך נאכדעם הייבט זיך אן די קומענדיגע פרשה 'ויצא בן אשה הישראלית ויקב את שם ה'' אז איינער וואס האט געשטאמט פון א אידישע מאמע האט געלעסטערט דעם אייבערשטנ'ס נאמען, דא איז מרומז דער יום טוב פון ה' אייר, וואס דאס איז כפירה אין הקב"ה"...**

דארט בפירוש אז אזוי ווי משיח איז נאך נישט געקומען מוז מען זיך אליין אויסלייזן און מיט די אייגענע הענט נעמען ארץ ישראל.

אויך שרייבן זיי דארט אז מיט דעם וואס די ציונים האבן צוגענומען ארץ ישראל פון די ענגלענדער איז מקוים געווארן די אלע נביאות וואס די הייליגע נביאי ה' האבן נביאות געזאגט וועגן די גאולה עתידה. דער גאנצער מגילת עצמאות איז פול מיט מינות וכפירה וואס מען טאר נישט אמאל איבערזעצן. די ציונים האבן בשום אופן נישט מסכים געווען צו דערמאנען דעם שם שמים אינעם מגילת העצמאות, און לײדער האט אויף דעם מגילת עצמאות אינטערגעשריבן אויך דער אנפירער פון די חסידישער-ציוניסטישע פארטיי, "אגודת ישראל".

לײדער זענען דעמאלט טויזנטער אידן אריינגעפאלן אין דעות אפיקורסות, נישט פארשטייענדיג, אין טייל האבן נישט געוואלט פארשטיין די שעדליכקייט פון נעמען א מדינה פאר ביאת המשיח.

## דעם "יום העצמאות"

די ציונים האבן לײדער געמאכט דעם טאג ה' אייר פאר א יום טוב, און זיי האבן דאס א נאמען געגעבן **"יום העצמאות"** וואס דאס מיינט 'דער טאג וואס מען איז געווארן זעלבסטשטענדיג', דער טאג וואס מען האט אראפגעווארפן פון זיך דעם יאך פון די גוים, מען האט ווידערגעשפעניגט אינעם גזירת הגלות, און מען איז געווארן א פאלק אזוי ווי אלע גוי'אישע פעלקער. זיי טועהן פייערן דעם טאג מיט אלע ערליי הוללות און תועבות, ווי א טמא'נע גוי'אישע האגע, לײדער, זענען דא אזעלכע וואס זאגן אין דעם טאג "הלל" וואס דערמיט טועהן זיי פילפאכיג פארגרעסערן דעם חרון אף פון השי"ת.

די ערליכע אידן וואס פירן זיך ווי די תורה באפעלט אונז האבן אין דעם טאג געזעהן די גרעסטע עת צרה פאר אידישע קינדער, און א יום אבל ויגון וואס מען דארף וויינען און טרויערן אויף דעם שרעקליכן חורבן וואס איז געשעהן.

במשך די אלע יארן זייט די מדינה הציונית שטייט איז דער מצב נישט בעסער געווארן נאר פיל ארגער, די ציונים האבן אין די יארן ארויפגעברענגט טויזנטער אידן פון מאראקא, טעהעראן, תימן, רוסלאנד, און נאך, און די אלע אידן האבן זיי מעביר על הדת געווען, און אויפגעשטעלט אין ארץ ישראל א פאלק פון עטליכע מיליאנען מענטשן, אן קיין תורה אן קיין מצוות, און ווילן נישט הערן און וויסן פון אמונה אינעם הייליגן באשעפער, און דאס האלט נאך אזוי אן עד היום הזה.

די ערליכע אידן אין ארץ ישראל וואס האבן זיך געוואלט האלטן ערליך צום דרך התורה זענען אויסגעשטאנען שווערע צרות און לײדן פון די ציונים, מען האט זיי געפייניגט און געשלאגן, און גע'רודפ'ט מיט די ארגסטע און שווערסטע רדיפות, און דאס האלט נאך אזוי אן עד היום הזה.

די פארטייאישע ציונים, די מזרחי און אגודת ישראל, זענען מיט די יארן מער און מער פארגליטשט געווארן, זיי האבן אנגעהויבן צו נעמען געלט פון די ציונים, און זיך משתתף זיין און אריינגיין אין זייער רעגירונג, און אנטייל נעמען אין די בחירות, און דאס האלט נאך אזוי אן עד היום הזה.

די ציונים האבן במשך אלע יארן נישט אויפגעהערט זיך צו רייצן מיט די גוי'אישע פעלקער, נאר אדרבא זיי האבן געהאלטן אין איין פארמערן דאס התגרות באומות, וואס דאס האט גורם געווען צו דעם אז טויזנטער אידן זענען נעבעך גע'הרג'עט געווארן דורכדעם, און דאס האלט נאך אזוי אן עד היום הזה.

## ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו והבדילנו מן התועים

מיר - תינוקות של בית רבן וואס האבן די זכי' נתחנך צו ווערן אין די הייליגע מוסדות וואס **רביה"ק בעל דברי יואל זצוק"ל** האט מייסד געווען אין זיין הייליג שטעטל קרית יואל, און מיר האבן זוכה געווען אלע יארן זיך צו שיצן אונטער די פליגל פון **מרן הגה"ק בעל ברך משה זצוק"ל**, ותחת דגלו והדרכתו פון **כ"ק מרן רבינו שליט"א** - זענען מחויב אפצוגעבן א שבח והודאה פאר השי"ת וואס ער האט אונז געגעבן די זכי' אין דעם נידריגן דור זוכה צו זיין צו אזא גרויסע ליכטיגקייט, ער האט אונז געשאנקען אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע וואס ער איז געווען דער איינציגסטער וואס האט זיך נישט דערשראקן ארויסצוזאגן דעם אמת'דיגן דעת תורה, מיט איבער מענטשליכע כוחות האט ער אלע זיינע טעג געשטרעבט אריינצוברענגען אין אידישע קינדער די ריכטיגע אמונה. שטענדיג ביי יעדע געלעגנהייט האט ער געהאלטן אין איין חזר'ן אז מען זאל נישט האבן מיט זיי דאס מינדעסטע שייכות, נישט נאר מיט די "פרייע ציונים", נאר אויך מיט אזעלכע וואס זענען שומרי תורה ומצוות און זענען איינשטימיג מיט די ציונים דארף מען זיך אויך דערווייטערן און מען דארף פון זיי אנטלויפן פונקט ווי מען אנטלויפט פון פייער.

**דער רבי ז"ל בעל דברי יואל** האט אמאל געזאגט אז ער ווייסט זיכער אז זיין אויפגאבע אויף דעם עולם איז ער זאל לוחם זיין מיט די ציונים, פאר דעם האט מען אים אראפגעשיקט אויף דער וועלט ער זאל אויפקלערן די שעדליכקייט פון די כת ער האט טאקע ערפילט זיין אויפגאבע אויפן גרעסטן פארנעם, כמעט נישט געווען קיין תורה אדער דרשה וואס ער זאל נישט דערמאנען דערין אז ציונות איז אסור בתכלית, ער האט באלויכטן די וועלט מיט זיין הייליגן ספר "ויואל משה" וואס דאס איז דער שלחן ערוך אויף עניני אמונה אין היינטיגן דור.

זאל השי"ת העלפן אז מיר זאלן האבן די זכי' זיך ווייטער צו פירן אין די וועגן וואס אונזערע הייליגע רבי'ס האבן מיט אונז געלערנט און כסדר גע'חזר'ט, און ווי מיר הערן ב"ה ווייטער פון **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, ביז ווען מיר וועלן זוכה זיין '**ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים**' דורך משיח צדקינו אליין ומלכינו בראשינו בקרוב אמן.

**איז כדאי צו באמערקן א דבר פלא, אז לפי החשבון איז די פרשה פון דעם מברך את ה' פארגעקומען בעצם יום ה' אייר.**

**ווייל אויפן פסוק "ויצא בן אשה ישראלית", פרעגט רש"י "מהיכן יצא" זאגט רש"י צוויי פשטים, איינס פון די פרשה פון לחם הפנים, וואס הערנדיג די מצוה פון לחם הפנים וואס מ'האט ארויפגעלייגט אויפן טיש יעדן שבת האט ער אנגעהויבן צו שפעטן דערפון. און לויטן צווייטן פשט "מבית דינו של משה רבינו יצא מחויב", ווייל זייענדיג א בן איש מצרי האט מען אים נישט געוואלט געבן קיין נחלה צווישן אידישע קינדער.**

**מיר ווייסן אז כל דבריהם אמת וצדק, און ביידע פשטים זענען דברי אלקים חיים, דאס מיינט אז דער מברך את ה' האט געטון ביידע, סיי ער האט געלאכט פונעם לחם הפנים, און סיי ער האט מקלל געווען ווייל מ'האט אים נישט געוואלט געבן קיין נחלה. דאס מיינט אז די מעשה האט פאסירט שב"ק נאכן ארויפלייגן דעם לחם הפנים, און אין יענע ערשטע טעג נאך ר"ח אייר ווען דער אייבערשטער האט געהייסן איינטיילן די נחלות "למשפחותם לבית אבותם".**

**מיר ווייסן אז יענעם יאר איז געווען ר"ח ניסן זונטאג, וואס דאס איז געווען צווישן די עשר עטרות וואס דער יום השמיני האט גענומען, קומט אויס אז ר"ח אייר איז געווען מאנטאג און דינסטאג, און דער ערשטער שבת נאכדעם – ווען ער האט געלאכט פונעם לחם הפנים – איז געווען שבת ה' אייר. אזוי אז דער ערשטער 'מברך את ה' ביי כלל ישראל וואס האט מחרף ומגדף געווען כלפי מעלה איז אויך געווען אין דעם יום המר והנמהר, און ליידער איז דאס איבערגע'חזר'ט געווארן מיט טויזנטער יארן שפעטער, וואס דער חירוף וגידוף גייט ליידער ווייטער אן ביזן היינטיגן טאג.**

# די עבוה"ק פון רביה"ק הדברי יואל זי"ע לביטול המדינה הטמאה

**- ארויסגענומען פון ספר "ומשה היה רועה" חלק ד' פרק מ' -**

די תקופה פון ווינטער תש"ח לפ"ק איז געווען זייער א אנגעצויגענע צייט איבער די וועלט. די יו. ען. האט אין יענע צייט באזוכט אין ארץ ישראל, און זיי האבן אפגעהאלטן אסיפות מיטן אלע שיכטן און קרייזן אין ארץ ישראל, און זיי האבן באהאנדלט דאס ענין צי זיי זאלן באשטעטיגן א 'אידישע מדינה', וואס זאל געפירט ווערן דורך די ציונים.

ווי פארשטענדליך איז דער **רבי בעל דברי יואל ז"ל** געווען זייער אנגעצויגן אין יענע טעג און ער האט ממש נישט געהאט קיין מנוחה, ער האט אין יענע טעג שטארק ארומגעקאכט אין די ענינים.

ביי א געלעגנהייט האט דער **רבי מרן הברך משה ז"ל** דערציילט אז אין יענע תקופה האט ער לאנג פארברענגט מיטן פעטער מרן הדבר"י ז"ל פריוואט, און דעמאלטס האט אים דער פעטער באריכות מסביר געווען וואס עס גייט פאר אויף די וועלט, דער מצב אין ארץ ישראל, און די סכנה וואס עס שטייט פאר אויף כלל ישראל אויב די ציונים וועלן ח"ו באוויזן צו האבן א מדינה פאר ביאת המשיח.

**כ"ק מרן רבינו שליט"א** האט נאכגעזאגט (בדרשה כ"ו מנחם אב תשס"ג) וואס ער האט געהערט פונעם טאטן דער רבי הבר"מ ז"ל, אז שוין אין יענע תקופה האט איהם דער פעטער ז"ל געזאגט, אז **עס איז בלי שום ספק אז די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, מיט די שרעקליכע פורעניות וואס כלל ישראל האט מיטגעמאכט איז געקומען אלס עונש, וואס אידישע קינדער האבן עובר געווען אויף די שלש שבועות.**

דער רבי מרן הבר"מ ז"ל האט דערציילט אז ביי יענעם שמועס האט ער געפרעגט דעם פעטער אז אויב איז טאקע אזוי שרעקליך דער מצב וואלט מען דאך געדארפט זעהן אז אלע ערליכע אידן זאלן באצייטענס פארלאזן דאס לאנד, כדי זיי זאלן נישט זיין אונטער די שליטה פון די רשעים, וואס וועלן אויסרייסן פון זיי דאס אידישקייט.

רביה"ק הדבר"י ז"ל האט אים באריכות מסביר געווען אז מ'קען דאס נישט טון, און עס איז דייקא יא וויכטיג אז עס זאלן בלייבן וואוינען אין ארץ ישראל ערליכע אידן וואס זענען נישט מכיר אין די מדינה, און וואס זענען לוחם קעגן דאס עקירת הדת.

(זע אין קעסטל א מורא'דיגער מעשה פון **רביה"ק הדברי יואל זי"ע** וואס ער האט געהאלטן איבער דעם ענין פון די התייסדות מדינה הטמאה)

די גענויע סיפור הדברים איבער די פרשה בשלימות דערציילט **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, בזה"ל:

"איך האב געהערט פונעם טאטן ז"ל, ס'איז געווען פרשת יתרו תש"ח לפ"ק, פרייטאג צונאכטס נאכן טיש,ביים פעטער ז"ל אין צימער איז געווען טונקל, דער טאטע ז"ל איז געווען דארט אין צימער, דעמאלטס האט מען גערעדט אז מ'גייט מאכן א מדינה,

## די מדינה קען נישט זיין קיין מציאות...

מיר ווילן מעתיק זיין מלשון קדשו וואס דער **רבי מרן הברך משה זי"ע** האט דערציילט איבער דעם ענין, ביים גרויסן מעמד יום הצלה והשחרור כ"א כסלו תשמ"ב לפ"ק, ווי ער איז געווען מגלה טפח ומכסה טפחיים פון די גרויסע עבודת הקודש וואס דער פעטער **מרן רבינו בעל דברי יואל ז"ל** האט דעמאלטס פאראַרבעט:

"איך געדענק נאכדעם וואס דער פעטער איז אנגעקומען אהער, האב איך זיך געטראפן מיט אים, איך בין אנגעקומען אהער מיט אים אין איין טאג, צום גדלי', ער איז דאך געווען אין די פריערדיגע יארן דער מלך ישראל, ער האט דאך גוט געוואוסט אלעס וואס טוט זיך, ער איז יעצט געווען אזוי צובראכן, אלע זיינע באליבטע תלמידים, די רבנים מיט וועמען ער האט געהאט שייכות, אלעס איז נעבעך אומגעקומען אין אוישוויץ, און ער האט זיך אזוי מחזק געווען, ער האט זיך געשטארקט, מיט איבערמענטשליכע כוחות, ער איז געווען אליין, ויותר יעקב לבדו, אינגאנצן אליין, חז"ל זאגן דאך אין מלך בלא עם, כאטש ס'איז געווען דא אין אמעריקע, גדולי תורה, ערליכע אידן, אבער ס'האט געפעלט איינער וואס זאל צוזאמען נעמען די כוחות, איינער וואס זאל דאס אנצינדן, און דער פעטער ז"ל מיט זיינע גרויסע כוחות האט דאס צוזאמען גענומען, ער האט געמאכט די התאחדות הרבנים און ער האט אנגעהויבן אלעס פונדאסניי".

"**איך האב זוכה געווען צו זעהן וואס דער פעטער ז"ל האט אליינס פאראַרבעט כלפי מעלה לטובת כלל ישראל,** איך וועל דאס קיינמאל נישט פארגעסן, איך בין געווען ביים פעטער ז"ל, דעמאלטס איז געווען די אסיפה ביי די יו. ען. וועגן די מדינה, איך האב דעמאלטס געזעהן מורא'דיגע זאכן וואס איך קאן דא נישט דערציילן ברבים... ער האט געשריגן ווי א לייב "**געוואלד! דאס קאן נישט זיין!**"

שפעטער האט ער זיך בארוהיגט, ער איז געבליבן מיט מיר אליין, האט ער זיך אוועקגעזעצט אויפן פלאץ און ער האט מיר געזאגט אזוי "**איך גלייב נישט די אלע זאכן, נאך די אלע גרויסע צרות, נאך די אלע חורבנות, מיר האבן דאך אזויפיל געליטן ס'איז דאך נאך קיינמאל נישט געווען אזוינס אז ס'זאלן פארשניטן ווערן אזויפיל נפשות מישראל, נאכדערצו ס'איז געווען מסלתה ומשמנה פון כלל ישראל, דאס איז זיכער אז דאס איז געווען אן הכנה צו די גאולה העתידה, א בחינה פון חבלי משיח וואס חז"ל האבן אויף דעם געזאגט ייתי ולא אחמיניה, און נאך אלעם, אנשטאט מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה זאל קומען אזא אומגליק"?! כלל ישראל וועט דאך דאס נישט קאנען אריבערטראגן, ס'קאן נישט זיין, ס'איז נישט קיין מציאות, איך קאן דאס נישט גלייבן**", אזוי האט ער געזאגט מיט גרויס צער".

"מען האט דעמאלטס געזעהן בחוש אז די ווערטער וואס ער האט געזאגט זענען נישט געווען קיין פשוט'ע ווערטער, נישט ער האט זיך מיט דעם געוואלט טרייסטן, ווייל ס'איז דאך שוין דעמאלטס געווען כמעט א זיכערע זאך אז ס'וועט יא זיין, נאר **ס'איז געווען דברי תפילה מיט וואס ער האט זיך געבעטן ביים אייבערשטן אז ער זאל רחמנות האבן אויף כלל ישראל און ער זאל זיי מציל זיין פון די ביטערע נסיונות וואס די מדינה וועט מיט זיך מיטברענגען, ווי מיר האבן ליידער געזעהן אז זיי האבן מעביר על הדת געווען הונדערטער טויזענטער אידן**".

איז אריינגעקומען א איד, מ. ש. ער איז געווען פון די אגודה, האט ער דערציילט נייעס פארן פעטער, אז ווי עס זעהט אויס וועט זיין א מדינה, איז ער געקומען זיך שואל עצה זיין, היות מ'וועט מאכן א מדינה וועט מען דאך אויך מאכן א רעגירונג, און די אגודה וועט אויך אריינגיין אין די רעגירונג אזוי שטעלט ער זיך פאר, טראכט ער אריין, וועלכע מיניסטעריום וועט מען געבן פאר די אגודה? פארטיידיגונגס מיניסטעריום דאס דארף מען געבן פאר א גענעראל, פאר אן אפיציר, פינאנץ מיניסטעריום דאס איז אויך נישט פאר די אגודה, דאס דארף מען געבן פאר א באנקירער, נאר ער פארשטייט אז אויסערן מיניסטעריום דאס פאסט פאר די מדינה אז דער אויסערן מיניסטער זאל זיין א איד מיט א בארד, און איטשע מאיר לעווין וועט אוודאי זיין אויסערן מיניסטער, אזוי האט ער פאנטאזירט. מילא אז איטשע מאיר וועט ווערן אויסערן מיניסטער וועט יעדער פון די אגודה באקומען עפעס א פאסטען, און ער פארשטייט אז מ'וועט עפענען א קאנסול אין ניו יארק, נו, אז ווען מ'וועט עפענען א קאנסול אין ניו יארק, וועמען וועט מען נעמען אלס דער קאנסול אין ניו יארק, פארשטייט ער אז מ'וועט אים נעמען, ווייל ער איז א גרויסער אגודה פירער, און ער איז פאסיג צו זיין דער קאנסול, איז ער געקומען זיך שואל עצה זיין מיטן פעטער צי ער זאל דאס אננעמען צי נישט. דאס איז געווען זיין דמיון.

האט דער רבי געגעבן א שפרונג אויף פון בענקל **"ס'איז ביי מיר ברור, אזוי ווי איך גלייב באמונה שלימה אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר אידישע קינדער, אז ס'וועט קיין אידישע מדינה נישט זיין"**.

נאכדעם האט ער זיך אראפגעזעצט און ער האט זיך בארוהיגט, האט ער געזאגט פארן טאטן ז"ל **"איך גלייב נישט נאך דעם ביטערן חורבן, אז דער אייבערשטער וועט נאך שיקן אזא נסיון פאר אידישע קינדער"**.

אין די דרשת פתיחת הזמן וואס דער **רבי הברך משה ז"ל** האט געזאגט פאר די תלמידי המתיבתא אין קרית יואל (פר' לך תשמ"ח) האט דער רבי אויך דערציילט די מעשה, אידי דחביבא זענען מיר מעתיק עטליכע שורות מלש"ק: "דער פעטער ז"ל האט אנגעהויבן צו שרייען מיט קולי קולות, נאר איך אליין בין דעמאלטס געווען מיט אים, און ער האט זיך קוים געקענט כאפן דאס אטעם, ער האט נישט געקענט ווייטער רעדן, שפעטער האט ער מיר געזאגט: **איך קאן מיר נישט גלייבן אז נאך אזעלכע צרות וואס כלל ישראל האט מיטגעמאכט, אוועקגע'הרג'ט דאס בעסטע חלק פון כלל ישראל, און מ'האט אוועקגענומען אלע ערליכע אידן, זאל מען אריינווארפן פון הימל דאס כלל ישראל אין אזא ביטערן נסיון, ס'איז אזא ביטערע נסיון אז ס' וועט זיין א אידישע מלוכה, זיי וועלן דאך אויס'שמד'ן ר"ל גאנץ כלל ישראל, איך גלייב דאס נישט"** עכלה"ק.

באותה מעמד האט דער רבי גזואגט א צווייטע טיפע דערהער אינעם פעטערס ווערטער "איך האב דעמאלטס געזעהן בחוש פון די ווערטער וואס ער האט גזואגט, אז ער האט געוואלט מכריח זיין כלפי מעלה מיט די ווערטער בעל כרחו מבטל צו זיין די גזירה פון די הקמת המדינה, און פאר דעם האט ער געזאגט אזא לשון, אבער ליידער האט דאס נישט געהאלפן און עס איז געקומען אויף אונז דער שווערער נסיון פון די מדינה" עכדה"ק.

# דברות קודש

## ממרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע

ליידער בימינו אלה איז געווען מעשה שטן הצליח צו פארבן די עבירה פון התחברות לרשעים און דאס מלבוש זיין ווי כאילו דאס איז א גרויסע מצוה, און עס זענען דא אסאך אידן וואס פארשטייען נישט דעם הארבן חטא און זיי האבן זיך מחבר געווען צו די רשעי הדור, די מינים ואפיקורסים.

**אוי לנו שכך עלתה לנו בימינו!** אז אידן שומרי תורה ומצוות זענען מאשרים זדים און זיי האבן זיך צוגעשטעלט צו די מלכות הרשעה **די שלטון הכופרים אין ארה"ק, וואס איר עצם קיום איז א מרידה אין מלכות שמים, און א ניאוץ וכפירה אין די תורה הקדושה, און אין די י"ג עקרי אמונה, און פון ווען די מדינה איז געגרינדעט געווארן ביז היינט האט זי שוין מעביר געווען על הדת צענדליגער טויזענטער אידן, און זיי האבן אנגעפולט די וועלט מיט טומאה און זוהמה.**

ווי אזוי קען זיין אז יראי ה' וואס זאגן **"שמע ישראל"** זיך צו פארקויפן צו די עבודה זרה און נעמען זייערע געלטער פאר די מוסדות התורה. **היעלה על הדעת אז אזעלכע געלטער זאלן האבן אין זיך א קדושה?**

זעהט די ווערטער פון רבינו יונה אין פירוש המשניות (אבות פ"א מ"ז) ואל תתחבר לרשע, ווי הארב דער ענין איז, ווייל געווענליך ווען איינער טוט אן עבירה האט ער עובר געווען אויף די איינע זאך, אבער **דער וואס איז זיך מחבר מיט א רשע האט א טייל אין אלע עבירות וואס דער רשע טוט**, קומט אויס אז ער טוט שרעקליכע גרויסע עבירות, ווי עס שטייט אין אבדר"נ (פ"ל מ"ג) כל המתדבק לרשעים אף על פי שאינו עושה כמעשיהם נוטל שכר כיוצא בהם. (מספה"ק ברך משה פר' אמור ע' קס"ג)

# דבר ה' ברמה
# מכ"ק מרן רבינו שליט"א

## בהספדו על הגה"צ משארמאש זצ"ל

**אור ליום עש"ק פרשת תזריע ה' אייר שנת תשמ"ה לפ"ק**

בביהמ"ד הגדול בקרית יואל יצ"ו

**דער פעטער ז"ל זאגט אז ס'איז ביי אים ברור אז ווען נישט דעם עון ווען נישט דער גרויסער חטא וואס מען האט מורד געווען אין מלכות שמים, ווען נישט דעם חטא - וואס מען איז ארויסגעגאנגען פון גלות, מען האט פון זיך אראפגעווארפן דעם עול מלכות שמים, מען האט אראפגעווארפן פון זיך דעם עול גליות - וואלט מען שוין לאנג ארויסגעגאנגען פון גלות,** קומט אויס אז היינט אויפדערנאכט איז א טאג וואס מען דארף מתאבל זיין אויף שריפת בית אלקינו, דאס איז כל דור שלא נבנה בימיו כאילו נחרב בימיו.

אויף וועלכן דור קען מען דאס נאך זאגן ווי אויף די דרא בתראה וואס איז ממש נישט נאר כאילו נחרב בימיו, אזא גרויסער עון, ווי דער פעטער ז"ל זאגט אין דברי יואל **אז מען זאל צוזאמען נעמען אלע עבירות און מען זאל עס שטעלן על כף מאזנים, און מען זאל נעמען דעם עון אין שטעלן אויפן צווייטן כף מאזנים איז דאס מכריע, דאס איז שקול קעגן כל התורה כולה.**

בעוותינו הרבים איז געשען וואס איז געשען ויצא העגל הזה, די מדינה וואס איז מיוסד אויף עבודה זרה גילוי עריות און שפיכות דמים, ווער ס'האט א השגה וואס ס'קומט פאר אינעם פלטרין של מלך אין ארץ הקודש, אין דעם טאג איז די שכינה הקדושה זיך מצער.

דער פעטער ז"ל זאגט אין א שלש סעודות תורה אז לעולם וואלט מען ווען געדארפט גוזר תענית זיין אין אזא טאג, די חכמי המשנה און די חכמי הגמרא וואלטן זיכער גוזר תענית געווען פאר כלל ישראל פאר דעם גרויסן אומגליק וואס איז געשען, בעוה"ר מיר זענען נישט בכח גוזר תענית צו זיין, אבער רעדן דארף מען דערפון און נתעורר ווערן דארף מען...(כאן האריך בדברי הספד על הגה"צ משארמאש זצ"ל ופעולותיו למען המלחמה לה' בעמלק הציוני)

... איז היינט אויפדערנאכט אין דעם יום המר והנמהר - ווי דער פעטער ז"ל רופט אן דעם טאג ה' אייר, ווי ער שרייבט אין ויואל משה יום המר והנמהר, דאס איז שריפת בית אלקינו, אז מען דערמאנט זיך וויפיל אידישע קינדער האט מען מעביר געווען על הדת די אלע יארן, און דאס איז שריפת הנשמה כאטש דער גוף איז קיים, גדול המחטיאו יותר מן ההורגו, אז מען איז מחטיא אזויפיל אידישע קינדער האט מען פארברענט די אלע בתי מקדשות די אלע היכלות די אלע נשמות האט מען פארברענט, דאס איז שריפת בית אלקינו ממש, איז די צייט יעצט צו באוויינען חורבן בית המקדש, נישט איין בית המקדש, נאר א מיליאן בתי מקדשות און אפשר נאך מער וואס איז אין משך פון די יארן איבערגעפירט געווארן פון דת ישראל.

## במעמד קבלת פנים בירושלים עיה"ק

**ראש חודש אלול תשס"ז לפ"ק**

כיכר השבת בירושלים עיה"ק

עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים. עומדות היו רגלינו איז טייטש במלחמה, בשעריך ירושלים, בשביל ירושלים, צוליב עיר הקודש ירושלים, צוליב די יראה פון ירושלים עיה"ק, צוליב די תורה פון ירושלים עיה"ק.

**בעוונותינו הרבים, שטנא נצח. די משנאי ה' האבן אויפגעשטעלט א מלכות המינות, א מלכות פון כפירה אין השי"ת, א מלכות פון כפירה אין די תורה הק', א מלכות של מינות אין אלעס וואס איז קדוש פאר כלל ישראל, א מלכות של מינות אין די הנהגות פון השי"ת, אמונה טפילה פון כוחי ועוצם ידי. כפירה אין אמונה שלימה וואס כלל ישראל האט אלע יארן געגלייבט אין ביאת המשיח. אן אמונה טפילה פון א גאולה פאר'ן זמן.**

בעוונותינו הרבים, מ'האט אויפגעשטעלט א מלכות של מינות אין פלטרין של מלך, בעיר הקודש ירושלים. די משנה זאגט אין אבות פרק ו', בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב, און דער בת קול רופט אויס, אוי להם לבריות מעלבונה של תורה. ליידער, יעדן טאג ווערט געהערט א בת קול דא אין עיה"ק ירושלים, אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, אן עלבון התורה שאין כמוה, אשר באו פריצים ויחללוה, זיי זענען אריינגעקומען דא אין היכל המלך און מ'האט מחלל געווען דעם כבוד שמים באופן נורא ואיום.

עומדות היו רגלינו, מיר שטייען במלחמה, אין א מלחמת ה'. דער פעטער ז"ל האט אנגעהויבן דעם מלחמה, ער האט משיב געווען מלחמה סערה, מכריז געווען בקול גדול, מי לה' אלי, ווער ס'וויל דבוק זיין אין השי"ת און ער וויל נישט נאכגעשלעפט ווערן אין דעם מבול פון כפירה, מי לה' אלי, סורו נא מעל אהלי האנשים הרשעים האלה.

מ'זאל וויסן אז ציונות, דאס רעיון הציונות, איז אבי אבות הטומאה. און די תולדות פון ציונות זענען די אלע רעליגיעזע פארטייען למיניהם, נישט קיין נפק"מ צי זיי זענען חסיד'ישע, ליטווישע צי ספרד'ישע. אלעס איז כיוצא בהן.

אונז רופן מיר אויס אין די גאנצע וועלט, און ספעציעל אין עיר הקודש ירושלים: **אין לנו חלק ונחלה, אונז האבן מיר נישט קיין חלק ונחלה אין די מדינה הציונית. מיר זענען אלעמאל געווען און מיר האלטן ווייטער אן די מלחמה. אונז בלייבן מיר נאמנים לה' יתברך און צו זיין תורה הקדושה. אונז ווארטן מיר אויף ביאת המשיח, און די גאולה וועט אי"ה זיין נאר דורך משיח צדקינו. בשום אופן נישט דורך א גאולה פון א בשר ודם. מ'זאל וויסן, דאס איז מעכב די גאולת ישראל ופדות נפשינו.**

## מ'זאל געדענקען אז עס איז געווען א איד...

עס דערציילט הרה"ח ר' סענדער דייטש ז"ל (בוצ"ק ח"ב ע' מ"ג) אז אין יענע יארן ווען **רבינו הקדוש בעל דברי יואל זי"ע** האט עוסק געווען אין שרייבן דעם ספה"ק **ויואל משה** האט ער איהם איינמאל געשיקט רופן שפעט ביינאכט, און דער רבי האט איהם געזאגט אז ער האט זיך איבערגעקלערט און ער וויל טוישן א ענין וואס ער האט געשריבן אין ויואל משה.

ר' סענדער, וועלכער האט געהאט די זכי' אויפצוזעצן דעם ספר אין זיין דרוקעריי, האט געזאגט פארן רבי'ן אז ער האט שוין די עמודים מסדר געווען לדפוס, דער רבי האט אבער פונדעסטוועגן דאך געוואלט טוישן דאס ענין.

בשעת מעשה האט דער רבי מיט גרויס ווייטאג גערעדט איבער דעם ביטערן שווערן מצב הדור, און די שווערע נסיונות וואס גייען דורך אויף כלל ישראל, אינמיטן האט זיך דער רבי צושריגן מיט ווייטאג:

**"איך וויל אז מ'זאל וויסן און געדענקען אז ס'איז געווען אמאל א איד וואס האט געשריגן און מרעיש עולמות געווען קעגן די מדינה הציונית!"**

די אלע וואס זענען דערביי געשטאנען זענען דערציטערט געווארן הערנדיג מיט וואס פארא קאך און ברען דער רבי האט געשריגן די ווערטער.

**טייערע קינדער !**

**שטייענדיג אין די טעג פונעם יום המר והנמהר ה' אייר, אין דעם טאג וואס די רשעי ישראל די ציונים האבן פארשטארקט דעם כח פון מינות וכפירה אויף די וועלט, און אריינגעברענגט אזויפיל אפיקורסות אין אידישע הערצער, איז די צייט אז מיר זאלן זיך מקבל זיין צו מחזק זיין אין אמונות ודיעות, לערנען די יסודות הענינים פון ספה"ק ויואל משה", און זיין שטארק און קלאר אין די הייליגע שיטה.**

# וואס האט ה' אייר גורם געווען פאר כלל ישראל?!

די ציונים האבן אלע יארן פארשפרייט זייערע לאזונגען אז מ'דארף האבן א מדינה ווייל די מדינה וועט ברענגען א ישועה פאר כלל ישראל, און דאס וועט ברענגען אז מער וועט נישט זיין קיין שפיכת דמים ביי כלל ישראל.

דער מציאות איז געווען פונקט פארקערט, הערשט טאקע נאך ה' אייר האט זיך אנגעהויבן די ריכטיגע שרעקליכע שפיכת דמים וואס האט זיך ליידער נישט אפגעשטעלט ביז היינט.

נאך יענעם ה' אייר, ווען דער ראש בריוני ד. בן גוריון שר"י האט פראקלאמירט די מדינה האט א געוואלדיגע שמחה אויסגעבראכן איבעראל. די גאנצע אידישע וועלט איז פארכאפט געווארן מיטן שטראם, אלעס איז געווען נתפעל פון דעם זיג, אלעס איז געווען פארנומען מיטן 'אתחלתא דגאולה', און מען איז געווען אזוי צומישט אז מען האט ניטאמאל געקענט גלייך טראכטן.

די פרייע מאסן האבן פון אתחלתא דגאולה נישט געטראכט, אבער דאס לאומיות, דאס נאציאנאליזם, איז געווען אויפן העכסטן שטאפל וואס איז נאר שייך, און זיי האבן אויפגעטריבן די פרייד פונעם נצחון אויף די העכסטע אקטאוועס וואס מען קען זיך נאר פארשטעלן. טעגליך האט זיך געטון טענץ און פרייד אין די גאסן און די מאסן האבן גע'יובל'ט מיט א אויסטערלישע שמחה.

די ציוני'סטישע פראפאגאנדע מאשין איבער די וועלט האט פעסט געארבעט. אידן איבעראל, באזונדער די טויזענטער אידן אין די ד.פי לאגערן, וואס האבן געהערט די גוטע בשורות, די פרייליכע ידיעות וואס איז אנגעקומען צו זייערע אויערן, זענען געווארן א טייל פון די שמחה, עס האט זיך געזאגט הלל מיט א תמימות, ווען עס זענען נעבעך נישט געווען מיט זיי די רועי ישראל, די צדיקים וואס זאלן באלייכטן די אויגן פון כלל ישראל, און זיי צייגן אז די מדינה איז דער גרעסטער אומגליק פאר כלל ישראל וואס איז נאר געווען מימות עולם.

דאס וואס דער צדיק הדור, דער רבי מרן הדברי יואל זי"ע, מיט נאך עטליכע אידן זענען געזעסן און געוויינט בדמעות שליש על שבר בת עמי, דאס האבן זיי נישט געוואוסט, און נישט פארשטאנען, גדולים וטובים זענען דעמאלטס פארכאפט געווען למחצה לשליש ולרביע, א שרעקליכע אויגן פארבלענדעניש איז דאס געווען. אלע זענען געווען שותפים אין די שמחה.

ווען זיי וואלטן אבער ווען געוואוסט די אמת'ע פאקטן וואס עס שפילט זיך אפ אין ירושלים, וואלטן זיי געוואוסט אז עס איז נישטא גארנישט מיט וואס זיך צו פרייען.

דער מצב אין ארץ ישראל נאך יענעם אומגליקליכן ה' אייר איז געווען שרעקליך ביז גאר. די אראבער האבן זיך נישט געלאזט און זיי האבן נקמה גענומען אויף א בלוטיגן אופן פון די ציונים, און עס זענען אנגעגאנגען פאגראמען און שחיטות ביי וועלכן טויזענטער אידן האבן פארלוירן זייערע לעבענס.

נישט בלויז די וואס האבן מקריב געווען זייערע לעבענס על מזבח הציוני'זם, די מיטגלידער אין די טעראר באנדעס, די הגנה לייט, די אצ"ל'ניקעס, און די לח"י'ניקעס, נאר טאקע יקירי ירושלים, נקיי הדעת, דאס סלתה ושמנה זענען אין יענע ביטערע טעג געפאלן קרבנות פונעם מצב.

אפגערעדט פון דעם אז די אלט שטאט ירושלים איז געווען אונטער א באלאגערונג, קיין עסן איז נישט געווען, קיין טרינקען איז נישט געווען, איז אבער געווען שרעקליכע הריגות מידי יום ביומו, עס זענען געליגן טויטע מענטשליכע קערפער איבער די גאסן און עס איז געווען א שרעקליכע סכנה דאס צו גיין צוזאמענקלויבן און מקבר זיין.

די הייליגע בתי מדרשים אין ירושלים, די בארימטע "חורבת רבי יהודה החסיד", "נישע בק'ס שוהל" די "רבי יוחנן בן זכאי שוהל", אלע בתי מדרשים אין אלט שטאט זענען פארברענט געווארן אין פייער ר"ל אינאיינעם מיט די הייליגע ספרים. הונדערטער און טויזענטער זענען פארטריבן געווארן, עס איז געווען א שרעקליכער מצב וואס מען קען נישט באשרייבן.

אין זעלבע צייט ווען איבער די וועלט האבן טויזענטער אידן זיך געפרייט מיט די מדינה, די צייטונגען האבן געשאלט און געמאלן די בילדער מיט די שענסטע פארבן, האט זיך אידיש בלוט געגאסן ווי

## דער ספר הקדוש "ויואל משה"

בשנת תשכ"א לפ"ק האט דער רבי זי"ע ארויסגעגעבן זיין הייליגן ספר **"ויואל משה"** וואס איז איינגעטיילט אין 3 חלקים: **מאמר שלש שבועות, מאמר ישוב ארץ ישראל, מאמר לשון הקודש**, וואס דורך דעם האבן טויזענטער אידן זיך געעפענט די אויגן און פארשטאנען די הארבקייט פון האבן א שייכות מיט די ציונים, זיצן אין כנסת המינים, גיין צו די טמא'נע בחירות, רעדן די טמא'נע שפראך, און נאך.

**מאמר שלש שבועות:** איז געשטעלט אויף די גמרא אין מס' כתובות (דף ק"א ע"א) **ג' שבועות השביע הקב"ה את ישראל - שלא יעלו ישראל בחומה, שלא ימרדו באומות העולם - שלא ידחקו את הקץ. אם אתם מקיימין את השבועה מוטב, ואם לאו אני מתיר את בשרכם כצבאות וכאילות השדה.**

**מאמר ישוב ארץ ישראל:** אין דעם מאמר ווארפט דער רבי אפ די אלע וואס האלטן אז עס איז דא היינטיגע צייטן א מצוה צו גיין וואוינען קיין ארץ ישראל אונטער די ציונים, און ער שטעלט אראפ 13 שטארקע כללים ווען עס גייט אן די מצוה פון ישוב ארץ ישראל.

**מאמר לשון הקודש:** איז א לענגערע תשובה וואס דער רבי האט געשריבן ווי ער איז מבאר דאס הארבקייט צו רעדן זייער טמא'נע שפראך, ווי אויך איז דער רבי מאריך אין דעם מאמר מיט אסאך יסודות'דיגע ענינים.

וואסער, טויטע קערפער האבן זיך געוואלגערט ווי הפקר, אידן האבן געלעבט נישט בעסער ווי אין די דייטשע לאגערן אונטער די נאצישע הענט. אט אזוי איז די מדינה געגרינדעט געווארן.

א איד וואס האט געשילדערט די איבערלעבענישן אין ירושלים אין יענע טעג האט דאס אראפגעגעבן אין א בריוו מיט זייער קורצע און זאכליכע ווערטער. אט איז וואס ער שרייבט:

**"די טענץ און געזאנג וואס ווערט געהערט איבער די וועלט וואס מאכט דעם איינדרוק ווי אין ירושלים הערשט שמחה און פרייד, איז נישט אנדערש ווי מוזיק וואס האט געשפילט בתופת אשר בגי בן הנם, וואס איז געצילט איבערצושרייען די יאמערליכע ווייגעשרייען, די קולות פון די הונדערטער פארוואונדעטע, די קליינע יתומים'לעך, דאס זוכט מען צו פארשטילן אז די וועלט זאל דאס נישט קענען דערהערן, און מען זאל דאס נישט וויסן".**

אז מיר עפענען א נ"ך מלכים ב' צו זעהן דעם מיין פון די ווערטער, און באטראכטענדיג די ווערטער פון ילקוט שמעוני וואס שילדערט וואס עס איז דער אויסזעהן פון דעם 'תופת גיא בן הנם', וואס דאס איז אייגענטליך די טראדיציע ווי אזוי זיי האבן געדינט צו די עבודה זרה מולך. דאן הייבן מיר אן צו פארשטיין וואס די ווערטער טוען באדייטן.

זאגט דער מדרש אזוי: דער מולך איז געווען אויסער ירושלים, עס איז געווען א גרויסע געביידע מיט זיבן צימערן, חדר לפנים מחדר. ווער עס האט געברענט א קרבן א פייגעלע פאר די עבודה זרה האט געקענט אריינגיין אינעם ערשטן צימער וואס דארט האט מען איבערגענומען דאס פייגעלע און מקריב געווען. איינער האט געברענגט א שאף איז אריין אין צווייטן צימער. א לעמעלע אין דריטן, א קעלבל אין פערטן, א קוה אין פינפטן, א אקס אין זעקסטן, און נאר ווער עס האט געברענגט פאר א קרבן זיין אייגן קינד דער האט געקענט אריינגיין אינעווייניג אינעם 7'טן צימער.

די געטשקע איז געווען אינעווייניג אינעם זיבעטן צימער, ער האט געהאט א אויסזעהן ווי א קאלב, און זיינע הענט זענען געווען אויסגעשטרעקט פאר אים ווי א מענטש וואס האלט אויסגעשטרעקט די הענט עפעס איבערצונעמען פון זיין חבר.

די מערדערליכע דינער פון די געטשקע האבן אים אנגעהייצט פון אינעווייניג, זייענדיג א הוילע געשטעל, און עס האט געברענט א פייער פון אינעווייניג וואס האט אנגעהייצט דאס געשטאלט גאר שטארק, און ווען די הענט האבן שוין געברענט גליענדיג האט מען גענומען דאס קינד וועלכער האט זיך געבראטן אויפן פייער, און זיך געפייניגט מיט שוידערליכע יסורים, א לאנגע פייניפולע טויט אויף די גליענדע בריען פון די עבודה זרה.

ווי פארשטענדליך האט דאס קינד נישט מקבל געווען די יסורים באהבה, ער האט געשריגן און געקוויטשעט מיט שרעקליכע קולות, זיינע יסורים זענען געווען אומדערטרעגליך, ווי איז נאך דא ארגערע און מער רציחה'אישע טויט ווי דאס. האבן דאך די גלחים מורא געהאט אז הערענדיג די ביטערע געשרייען פונעם קינד וועט זיך דער טאטע מרחם זיין און ער וועט אים וועלן ראטעווען פון דעם ביטערן טויט, האבן זיי געהאט גרייט א גאנצע גרופע מוזיקאנטן וועלכע האבן אנגעהויבן צו שפילן לעבעדיגע מוזיק ווי הויך עס איז נאר שייך, און די ביטערע געשרייען פון דאס אומשולדיגע קינד איז פארשטילט געווארן קעגן די טענער פון די מוזיק, און אזוי האט ער זיך געבראטן און געבראטן, ווען קיינער האט נישט קיין מיטלייד, קיינער האט נישט קיין רחמנות.

אט דאס איז געווען דער שרעקליכער תופת גי בן הנם.

ווי ריכטיג טוט דאס אפשפילן דעם מצב פון ה' אייר תש"ח.

צענדליגער יארן זענען שוין פארלאפן זייט דעמאלטס, דורות האבן זיך געביטן, דער ים הגדול האט שוין אסאך וואסער געלאזט דורכפליסן אירע גרעניצן, און מיר שטייען היינט ה' אייר תשע"א.

דער מציאות האט געצייגט אז דאס קינד וואס איז געברענגט געווארן אלס קרבן צו די עבודה זרה מולך, דאס כלל ישראל וואס איז אונטערגעפאלן אונטער די רוצח'ישע נעגל פון די זעלבסט געקרוינטע פארטרעטער פון כלל ישראל, שרייט און יאמערט די אלע יארן מיט יאמערליכע ווייגעשרייען, מיט יעדעס יאר וואס די מדינה האט עקזיסטירט האבן נאך און נאך אידן פארגאסן זייער בלוט, דער 'רק בדם תהי' לנו ארץ' מיט וואס די ציוני'סטן האבן סלאגאנירט אין די יארן איידער זיי האבן געהאט די מדינה איז געבליבן זייער סלאגאן עד היום הזה, די מדינה זויגט בלוט פון כלל ישראל, די מדינה איז נאכאנאנד מקריב קרבנות פאר די עבודה זרה, און דער ווי געשריי פון אידישע קינדער, דער צער פון כלל ישראל, דער צער פון די גע'הרג'עטע, פארוואונדעטע, פאר'יתומ'טע, איז עולה עד השמים.

עס זענען נאך דא אביסל ציונים וואס ווילן זיך פרייען אינעם יום העצמאות, אבער עס שטעלט זיך א **שאלה "לשמחה מה זו עושה?... מיט וואס פרייסטו זיך?! מיט די טויזנטער הרוגים וואס זענען געהרג'עט געווארן?! אויף די הונדערטער אומגליקליכע משפחות וואס האבן געברענגט קרבנות על מזבח המדינה, און מען זעהט נישט קיין וועג ארויס?!** ווי קען מען זיך אפילו פרייען מיט די ביטערע צרה.

היינט צוטאגס ביים 63'סטן יארטאג פון די "מדינה של גיא בן הנם" איז שוין כולי עלמא מודי, אז די גליקן פון די מדינה של גהנם האט זיך אויסגעלאזט א זייפן בלאז. א טרוים אז די ציוני'סטישע מדינה וועט ברענגען א 'פתרון לשאלת היהודים' ווי הערצל ימ"ש האט גע'חלומ'ט האט זיך אויסגעלאזט ממש פארקערט, די מדינה האט אנגעברענגט א צרה פאר אידן בכל מקום שהם, אידן איבער די גאנצע וועלט לעבן אין שרעק מען ציטערט פון די גוי'אישע שכנים אלעס א דאנק די ציוני'סטישע מדינה, דאס אנטיסעמיטיזם וואס האט געדארפט פארשוואונדן ווערן לויט הערצל'ס פאנטאזיעס איז קאי וקיים און נאך אויף א גרעסערן פארנעם ווי ביז דאן. און דער געשריי פון די נאנקים תחת שלטון הרשע איז עולה עד לב השמים.

די הויכע קלונגענדיגע מוזיק פון די גלחים פונעם מולך קענען שוין נישט אפשטילן דעם שרעקליכן קול נהי ובכי.

**אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח ואף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבא**